ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק

תשפ"ג

305

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# אִישׁ אֱמוּנוֹת


די צַדִּיקִים שְׁטַארְקְן זִיךְ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן........................א
אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן........................ג
אַ תְּחִיַּית הַמֵּתִים מַעֲשֶׂה........................ד
פַאַרְדֶערְכְטִיגוּנְג אַרְבֶּעט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ........................ה
דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב........................ה
די זְכִי׳ צוּ בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי׳ן........................ו
דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט בַּיינַאכְט אִין גַאס........................ז
פִיר זִיךְ אוֹיף וִוי אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ........................ז
לֵיינֶען צֵייטוּנְגֶען אִיז שֶׁעדְלִיךְ פַאר׳ן עֶקְזִיסְטֶענְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ און פַאר די מֹחַ מַחֲשָׁבָה........................ח
אַז מֶען וֶועט אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם, וֶועט מֶען הָאבְּן הַצְלָחָה........................ט
אַלֶע וָואס טוּעֶן מִיט אַנְדֶערֶע דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק........................י
אִיר הֶעלְפְט אִים קֶענֶען לֶערְנֶען........................יא
דֶער רֶבִּי בֶּעט פוּן דִיר: ״הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא!״........................יא
זִיךְ חַבֵר׳ן און בַּאפְרַיינְדְן מִיט די וָואס הָאבְּן תְּמִימוּת, מִיט די וָואס אַ וָוארְט פוּן רֶבִּי׳ן אִיז אַ וָוארְט........................יב
שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק........................יג
מִיט שִׂמְחָה וֶועט אִיר בַּאפְרֵייט וֶוערְן פוּן די שְׁלֶעכְטֶע רוּחוֹת........................יד
אִיךְ הָאף אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם עֶס זָאל זַיין יֶעדֶע וָואךְ אַ קוּנְטְרֵס........................יד
זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל נִישְׁט קֵיינֶעם פַארְגִיפְטְן........................טו
וֶוער עֶס טוּט די עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת זֶעט אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם........................טז
נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן גֶעשְׁוִוסְטֶער און פוּן חַבֶר׳טֶעס........................יז
גֵיי מִיט די בָּחוּרִים מְזוּמָן לִזְמַן צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים מִתְפַּלֵל זַיין........................יז
זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און זוּכְן אִין זִיךְ גוּטֶע נְקוּדוֹת פַארְשְׁנַיידְט די שְׁלֶעכְטְס........................יח
די קִינְדֶער פִירְן זִיךְ גֶענוֹי וִוי די עֶלְטֶערְן........................כ
דָאס הַארְץ רַייסְט מִיר, וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט עֶנְק........................כא

מַאךְ דַיין קִינְד חֲתוּנָה, לָאז אִים לֶעבְּן ........................ כב

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים ........................ כב

וַוייטֶער הָאבְּן דִי כֹּחַ צוּ זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג אוּן שֵׁיין צוּ אַנְדֶערֶע ........................ כד

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה ווִי הֶעלְפְן דִי מַאמֶע ........................ כד

הִיט דַיינֶע אוֹיגְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שִׂמְחָה אִין לֶעבְּן ........................ כה

שְׁפְּרַייץ זִיךְ אַרַיין מִשְׁנַיוֹת צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיטְן לֶעבְּן ........................ כה

טוּט דֶעם שִׁידוּךְ, טוּט וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט, וָואס עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים זָאגְן ........................ כו

הֶער אוֹיס דַיין וַוייבּ אוּן בַּארוּאִיג אִיר ........................ כח

קֵיינְמָאל מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין אַפֶּערַאצְיֶע וֶוען מֶען דַארְף נִישְׁט ........................ כח

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל דִיר זַיין גְרִינְגֶער, עֶס זָאל דִיר וֶוערְן בֶּעסֶער ........................ כט

עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל קְהִלּוֹת בְּיִשְׂרָאֵל לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת, וָואס ווִילְט אִיר פוּן מִיר הָאבְּן? ........................ ל

גֵיי אַרַיין מִיט אַ שִׂמְחָה אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ ........................ לא

נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט לֵצִים, אֲפִילוּ זֵיי זֶעעֶן אוֹיס ווִי חֲסִידִי'שֶׁע אִינְגֶעלַייט ........................ לב

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## דִי צַדִיקִים שְׁטַארְקְן זִיךְ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳, י׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ ווִיל דִיר מוֹדִיעַ זַיין, זָאלְסְט ווִיסְן אַז דִי וֶועלְט אִיז זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דַיינֶע חִיזוּק. עֶס קוּמֶען אַרוֹיס יֶעדְן טָאג אַזוֹיפִיל טְרֵיף פָּסוּל אוּן אַזוֹיפִיל שְׁטוּתִים; דוּ וואוֹינְסְט אִין שְׁטֶעטְל זֶעסְטוּ נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ, ווִיפִיל צֵייטוּנְגֶען אוּן מַאגַאזִינֶען עֶס קוּמֶען אַרוֹיס; מֶענְטְשְׁן זוּכְן עֶפֶּעס חִיזוּק, עֶפֶּעס חַיוּת אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶוער עֶס זָאל גֶעבְּן, אוּן דוּ בִּיסְט אַזוֹי מְחַיֶּ׳ טוֹיזְנְטֶער אִידְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ לִיבֶּער בְּרוּדֶער, שְׁפְּרִינְג אַרִיבֶּער אַלֶע בִּלְבּוּלִים, לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ בִּלְבּוּלִים זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְגֶעבְּן עֶפֶּעס נֵייעֶ קוּנְטְרֵסִים אוּן נֵייעֶ סְפָרִים. שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת וַוייטֶער מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אָנְגֵיין מִיט דִי הֶערְלִיכֶע בְּרִיוו, דִי הֶערְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער אַ לִיכְטִיגְקֵייט, אַן אֱמוּנָה; צוּ ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּן וֶועט הֶעלְפְן, זִיךְ נִישְׁט פַּארְלִירְן אִין קַיין שׁוּם מַצָב.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער עֶר זָאל דִיר מָאלְן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב וַוארְפְט אַרַיין סְפָרִים אִין יַם, עֶס זָאלְן פְלִיעֶן פַּאפִּירְן אִין דִי לוּפְט. אוֹיךְ זָאל מֶען זֶען ווִי עֶס שְׁווִימֶען סְפָרִים אִינֶעם יַם, אוּן מֶען זָאל זֶען ווִי אָדְל שְׁטֵייט

פוּן דֶער זַייט מִיט אַ שְׁמֵייכְל. אָדְל זָאל זַיין גֶעמָאלְן מִיט אַ טִיכְל שֵׁיין גֶעבִּינְדְן, מִיט אַ שֵׁיינֶע פֶּערְל קֵייטְל. אוֹיךְ זָאל מֶען זֶען דִי שְׁטוּרֶעם אוּן וִוי מֶענְטְשְׁן אוֹיפְן שִׁיף - נִישְׁט קַיין אִידְן - וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן.

"רַ-אַ-טֶ-עֶ-וֶ-ו-ע-ט...!!! דִי שִׁיף גֵייט כִּמְעַט אַיינְזִינְקֶען...!!!" שְׁרֵייעֶן אַלֶע.

דִי שִׁיף שְׁפְּרִינְגְט אִין וַואסֶער אַרוֹיף צוּם הִימְל אוּן צוּרִיק אַרָאפּ אִין וַואסֶער, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אוֹיפְן שִׁיף מִיט זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי צְבִי אוּן טָאכְטֶער אָדְל, דִי גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פָּארְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר וִויל טְרֶעפְן דֶעם צַדִיק רֶבִּי חַיִים בֶּן עָטָר, דֶער הֵיילִיגֶער אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אִינְאֵיינֶעם בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ.

עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ שְׁטוּרֶעם וִוינְט אוֹיפְן יַם, דֶער שִׁיף גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט אַיינְזִינְקֶען, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם יִמַח שְׁמוֹ וִויל דֶערְטְרֶענְקֶען דֶעם צַדִיק, עֶר וִויל נִישְׁט מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט פַאר אָדְל: "אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אָדֶער וַוארְף אִיךְ אַרַיין אִין וַואסֶער אַלֶע מַיינֶע כְּתָבִים, מַיינֶע תּוֹרוֹת, אָדֶער זָאלְסְטוּ אַרַיינְשְׁפְּרִינְגֶען אִין וַואסֶער, ווייל נָאר אַזוֹי וֶועט זִיךְ דֶער שְׁטוּרֶעם אָפְּשְׁטֶעלְן, אַז נִישְׁט וֶועלְן מִיר אַלֶע דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן"; דֶער צַדִיק זָאגְט פַאר אָדְל: "אִיךְ מֵיין דוּ זָאלְסְט אַרַיינְשְׁפְּרִינְגֶען אִין וַואסֶער, דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת, וֶועט זִיכֶער פַּאסִירְן מִיט דִיר אַ נֵס, דוּ וֶועסְט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ - מִיט מַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה - אוֹיךְ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן".

אָדְל זָאגְט: "טַאטֶע, וַוארְף אַרַיין דַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה אִין וַואסֶער אוּן עֶס זָאל דִיר נִישְׁט בַּאנְק טוּן, וַוייל פוּן מִיר וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַן אֵיינִיקְל וָואס וֶועט שְׁרַייבְּן שֶׁענֶערֶע אוּן בֶּעסֶערֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה".

(גֶעמֵיינְט הָאט זִי מִיט דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא אַ טָאכְטֶער פוּן אָדְל, וָואס וֶועט לִיכְטִיג מַאכְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט זַיינֶע תּוֹרוֹת, עֵצוֹת אוּן חִיזוּק).

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אַ כַאפּ גֶעטוּן זַיינֶע כְּתָבִים אוּן זִיי

אַרייַנגֶעוָוארְפְן אִין וַואסֶער, און גְלַייךְ הָאט דֶער שְׁטוּרֶעם נָאכְגֶעלָאזְט.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, פוּן דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנֶען מִיר דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים, וִוי זֵיי זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֵיי ווִילְן בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ, און וִוי דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם טוּט זֵיי שְׁטֶערְן, און דָאךְ שְׁטַארְקְן זֵיי זִיךְ וַוייטֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז מִיר וֶועלְן גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן וֶועלְן מִיר זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין בָּארָא פַּארְק, און מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל, בִּיז צְוֵויי שַׁבָּתִים פַאר סְלִיחוֹת, און מָאנְטָאג סְלִיחוֹת וֶועלְן מִיר פָארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, זַיין דָארְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן.

שְׁרַייבּ זִיךְ אוֹיס פוּן אַלֶע נַארִישֶׁע זַאכְן פוּן דַיין טֶעלֶעפָאן, לָאז דִי טֶעלֶעפָאן אִין אָפִּיס נָאר פַאר דִי צַייט פוּן בִּיזְנֶעס, און אִין דִי אִיבְּרִיגֶע צַייט - זָאלְסְטוּ נוּצְן אַ פָּשׁוּטְ׳עֶ טֶעלֶעפָאן. דוּ וֶועסְט צוּבַּאקוּמֶען אַזוֹיפִיל שָׁעוֹת אִין דַיין טָאג; אַזוֹיפִיל אִינְגֶעלַייט זָאגְן מִיר, זַייט זֵיי הָאבְּן אַוֶועקְגֶעלֵייגְט דֶעם סְמַארְטְפָאוֹן - הָאבְּן זֵיי פָּשׁוּט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן. זֵיי פְלֶעגְן זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דֶעם, זֵיי הָאבְּן מַמָשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּחִירָה, יֶעדֶע רֶגַע גֶעקוּקְט אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, און וֶוען זֵיי הָאבְּן מַחְלִיט גֶעוֶוען דָאס אַוֶועקְצוּלֵייגְן אִיז אִין אָנְהוֹיבּ זֵיי גֶעוֶוען שְׁוֶוער, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶס פֶעלְט זֵיי עֶפֶּעס, אָבֶּער נָאךְ אַ וָואךְ צְוֵויי הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט פוּן פַארְדֶעם.

אִיךְ וַוארְט זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן דַיינֶע שִׁיעוּרִים, דַיינֶע סִיוּמִים פוּן גְמָרָא, מִשְׁנַיוֹת אוּן פוּן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ תְּחִיַּית הַמֵּתִים מַעֲשֶׂה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

דֶערְצֵייל פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַיין תְּחִיַּית הַמֵּתִים מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען הֶערְט עֶס פוּן אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אַרְבֶּעט שְׁוֶוער צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה – וִוי פוּן אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

דֶערְצֵייל אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִיר פוּן וֶוען דוּ הָאסְט אַוֶועק גֶעלֵייגְט דֶעם סְמַארְטְפָאוֹן אוּן צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ פָּשׁוּטְ׳עֶ טֶעלֶעפָאן; וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֵויי וָואכְן, אוּן יֶעצְט, וִוי זִיס עֶס אִיז דִיר, וִוי דֶער לֶעבְּן אִיז גֶעשְׁמַאק, הָאסְט בַּאקוּמֶען אַסַאךְ שָׁעוֹת יֶעדְן טָאג וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אִיךְ בֶּעט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק בַּיי מַיינֶע תַּלְמִידִים, הַלְוַואי זָאלְן אַלֶע אָנְנֶעמֶען וָואס אִיךְ זָאג. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אִינְטֶערֶעס פַאר מִיר, אִיךְ וִויל דָאךְ נָאר עֶנְק זָאלְן הָאבְּן שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבֶּער, עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. אִיךְ וִויל עֶנְק זָאלְן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן עֶלְטֶערְן. מִן הַסְּתָם דַארְף אִיךְ נָאךְ אַסַאךְ תְּשׁוּבָה טוּן אַז מַיינֶע וֶוערְטֶער זָאלְן אַרַיינְגֵיין אִין עֶנְקֶערֶע הֶערְצֶער.

לֶערְן מִשְׁנַיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, דָאס וֶועט מְזַכֵּךְ זַיין דַיין נְשָׁמָה.

...

## פַארְרֶעכְטִיגוּנְג אַרְבֶּעט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

גֶעבּ אִיבֶּער אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳; זִי הֶעלְפְט זֵייעֶר גֶעטְרֵיי אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק בֶּענְטְשְׁן מִיט בָּנֵי, חַיֵּי וּמְזוֹנֵי רְוִיחֵי.

אִיךְ בִּין גֶעוֶועזְן פָארִיגֶע וָואךְ אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ ווּאוּנְדֶער זִיךְ אוֹיבּ נָאר אִיךְ זֶע דֶעם פְּרָאבְּלֶעם אָדֶער אִיז דָאס אַ נָאכְגֶעלָאזְטְקֵייט; עֶס אִיז דָא אַ שְׁוֶוערֶע גֶערוּךְ וֶוען מֶען קוּמְט אַרַיין אִין שׁוּל, און אִיךְ ווּאוּנְדֶער זִיךְ, שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דָאס צוּ פַארְרֶעכְטְן און נָאכְאַלְץ שְׁפִּירְט מֶען אַ גֶערוּךְ.

דוּ בִּיסְט נִישְׁט קֵיין בַּטְלָן, אֶפְשָׁר דוּ וֶועסְט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן פַארְרֶעכְטְן, אַוֶועקְנֶעמֶען דֶעם גֶערוּךְ; און אַז דָאס וֶועט קָאסְטְן גֶעלְט - וֶועל אִיךְ עֶס בַּאצָאלְן.

אוֹיךְ אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אָנְשְׁמִירְן דִי טִירְן מִיט אוֹיל; עֶס זָאל נִישְׁט מַאכְן קֵיין גֶערוּדֶער.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז מְשַׁמֵּשׁ דֶעם רֶבִּי׳ן, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן.

וֶוען דוּ שְׁפַּאצִירְסְט אִין שְׁטֶעטְל צְוִוישְׁן דִי גְרָאז און בֵּיימֶער - זָאלְסְטוּ זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״טַאטֶע אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר, אִיךְ וִויל נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר, אִיךְ וִויל נָאר זֶען דִיךְ, אִיךְ וִויל נָאר דִיךְ״.**

...

## דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

אִיךְ הָאבּ אַזַא תַּעֲנוּג און פְרֵייד מִיט דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז דוּ הָאסְט פַארְמַאכְט דַיין סָאוֹשְׁל מִידִיעֶ, סְטֶעטוּס וְכוּ׳.

יֶעצְט וֶוען דוּ הָאסְט מְקַיֵּים גֶעוֶוען דֶעם (תְּהִלִּים קמה, טו): "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ, מִיט אַ שִׂין [יְשַׂבֵּרוּ] - הָאסְט צֶעבְּרָאכְן דִי גְלוֹסְט פוּן קוּקְן מִיט דִי אוֹיגְן - וֶועט מְקוּיָּם וֶוערְן דִי סוֹף פוּנֶעם פָּסוּק: "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ", וֶועסְט הָאבְּן שֶׁפַע, פַּרְנָסָה - אִין צַייט.

דִי וָוארְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דוּרְךְ שְׁמִירַת עֵינַיִם הָאט מֶען שֶׁפַע, פַּרְנָסָה - בְּעִתּוֹ.

זַיי שְׁטַארְק מִיט דֶעם, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי יוּנְגֶע יָארְן אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב; וַוייל עֶס אִיז אֵינוֹ דוֹמֶה אַ שְׁטוּב וואו דֶער טַאטֶע הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן אוּן לֶעבְּט מִיט דֶעם טָאג אוּן נַאכְט, וִוי אַ טַאטֶע וָואס פָאלְגְט דִי רַבָּנִים אוּן הָאט נִישְׁט צוּטוּן מִיט דִי זַאכְן.

...

## דִי זְכִיָּ' צוּ בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת קֹרַח, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס קֶען מֶען טוּן? דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט, יֶעדֶער קֶען טוּן וָואס מֶען וִויל - בִּיז בְּרֶסְלֶב; אוֹיבּ מֶען וֶוערְט גֶעוָואר אַז אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן - וֶוערְט אַ פַייעֶר, דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה נֶעמְט זִיךְ אוֹיף זַיינֶע בֵּיינֶער, מֶען טְשֶׁעפֶּעט, מֶען פַארְשֶׁעמְט, מֶען רוֹדְפְ'ט - בִּיז מֶען דֶערְגֵייט אִים דִי יָארְן; אַלֶעס צוּלִיבְּן חֵטְא פוּן שֶׁעפְּן חַיּוּת, נֶעמֶען יִרְאַת שָׁמַיִם - פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאבּ מִיטְלַייד מִיט דִיר, אַז מֶען רוֹדְפְ'ט דִיךְ אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה פַארְ'ן זִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם רֶבִּי'ן.

אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן דִי זְכִיָּ' צוּ בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן; וַוייטֶער לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם וּבְאַהֲבָה מִיט דַיין וַוייבּ, לֶעבְּן מִיט זִכָּרוֹן בְּעָלְמָא דְאָתֵי; וִויסְן אַז מִיר זֶענֶען דָא פַאר נָאךְ אַבִּיסְל אוּן בַּאלְד גֵייעֶן מִיר שׁוֹין צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָארְט וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן, דָארְט אִיז חָשׁוּב נָאר פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, פְּסוּקִים תְּהִלִּים, מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

אָחִי, חֲזַק וֶאֱמָץ וְאֶחוֹז עַצְמְךָ בְּכָל כֹּחֲךָ.

...

## דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט בַּיינַאכְט אִין גַאס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - א׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּם אִין יְשִׁיבָה, אַ שָׁאד יֶעדְן טָאג וָואס דוּ קוּמְסְט נִישְׁט; אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין דֶער גוּטֶער שְׁלִיחַ צוּ זַיין דַיין שַׁדְכָן, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן - וֶועסְטוּ זִיךְ אַזוֹי בֶּענְקֶען צוּ דִי יָארְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעקֶענְט זִיצְן אִין יְשִׁיבָה, לֶערְנֶען אוּן הֶערְן שִׁיעוּרִים פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

טַייעֶרְער ... גֵיי שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ. עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית א, ה): "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר", וִוי אַזוֹי דֶער נַאכְט אִיז - אַזוֹי אִיז דֶער טָאג; דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט בַּיינַאכְט אִין גַאס מִיט בָּחוּרִים וָואס רֵייכֶערְן אוּן קוּקְן קְלִיפְּס אוּן וִוידִיאוֹס וְכוּ׳, בַּיינַאכְט אִיז דִי צַייט פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע; גֵיי שְׁלָאפְן אוּן שְׁטֵיי אוֹיף אִין צַייט, קוּם אִין יְשִׁיבָה. אִיךְ וַוארְט אוֹיף דִיר, אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ אוּן אִיךְ הָאבּ לִיבּ דַיין טַאטֶע, אִיךְ וִויל נָאר דָאס גוּטְס בַּיי דִיר.

זַיי מְכַבֵּד דַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א; דַיין טַאטֶע אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ צַדִיק, מְן הַסְתָּם דוּ מִיט דַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער כַאפְּן נִישְׁט וָואס אִיר הָאט. גֶעבּ אַכְט, זַיי אִים מְכַבֵּד - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים.

...

## פִיר זִיךְ אוֹיף וִוי אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - א׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

לֶערְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ כֹּחַ עֶס טוּישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיוֹת מְשַׁנֶּה; עֶס טוּט עֶנְדֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם גוּטְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מְכַבֵּד זַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן, רֶעד צוּ זֵיי מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן הַכְנָעָה; פִיר זִיךְ אוֹיף וִוי אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. אִיךְ הָאף צוּ זַיין דַיין שַׁדְכָן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען שַׁדְכָן בַּיי דַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, וְויל אִיךְ דִיר אוֹיךְ מַאכְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ וְויל דִיר מַאכְן אַ שִׁידוּךְ מִיט אַ "בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידָה", אָבֶער דָאס קֶען זַיין נָאר אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן הַכְנָעָה צוּ אַלֶעמֶען, בִּפְרַט צוּ דַיינֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

חַבֶר זִיךְ נִישְׁט מִיט לֵצִים, חַבֶר זִיךְ מִיט בָּחוּרִים תְּמִימִים, נֶעם בָּחוּרִים מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיט זֵיי זָאלְסְטוּ רֶעדְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען. קֶענְסְט גֵיין מִיט אַ שֵׁיינֶע הֶעמְד אוּן מִיט אַ שֵׁיינֶע הוֹיזְן וְכוּ' וְכוּ', מֶעגְסְט אוֹיסְקוּקְן גוּט, אָבֶער דַיין מוֹיל זָאלְן רֶעדְן נָאר מִיט הַכְנָעָה, שְׁפֶּעט נִישְׁט פוּן אַנְדֶערֶע, שְׁפֶּעט נִישְׁט פוּן דַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער.

לִיבֶּער ..., אִיךְ וְויל נָאר דַיין גוּטְס, אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ וַוארְט אַז זָאלְסְט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה הֶערְן יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן רֶבִּי'ן.

...

## לֵיינֶען צֵייטוּנְגֶען אִיז שֶׁעדְלִיךְ פַאר'ן עֶקְזִיסְטֶענְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוּן פַאר דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת קֹרַח, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן דֶעם אֱמֶת, אִיךְ שְׁטְרֶענְג זִיךְ זֵייעֶר אָן מִידֵי שָׁבוּעַ בְּשָׁבוּעַ צוּ שְׁרַייבְּן אַסַאךְ בְּרִיוו, עֶס זָאל זַיין אַ קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" צוּ לֵיינֶען פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; נָאר פַאר דֶעם אַלֵיין, מֶען זָאל נִישְׁט לֵיינֶען צֵייטוּנְגֶען אוּן מַאגַאזִינֶען, אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז צֶענְדְלִיגֶער מִשְׁפָּחוֹת, מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן זָאגְן - אַז זֵיי לֵיינֶען מֶער נִישְׁט קַיין צֵייטוּנְגֶען אוּן נֶעמֶען מֶער נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּב מַאגַאזִינֶען זַייט זֵיי לֵיינֶען דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

פָּארִיגֶע וָואךְ אִיז מִיר נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען גֶענוּג צַייט צוּ עֶנְדִיגְן אַ

קוּנְטְרֵס, אוּן יֶעצְט זָאגְסְטוּ מִיר אַז פָארִיגֶע וָואךְ הָאסְטוּ צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵיינֶען דִי עֶקְלְדִיגֶע צַייטוּנְג ..., דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן.

אִיךְ טְרַאכְט, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט ווִי שֶׁעדְלִיךְ דִי זַאכְן זֶענֶען; וָואלְסְטוּ גֶעווּיסְט ווִי שֶׁעדְלִיךְ לֵיינֶען צַייטוּנְגֶען אִיז פַארְ'ן עֶקְזִיסְטֶענְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוּן פַאר דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה - וָואלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אָנְגֶערִירְט.

שַׁבָּת אִיז אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה, פוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שַׁבָּת זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט פַאר דַיין חֲתוּנָה, גֵייסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב - זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְגְרֵייטְן מִיט תְּהִלִּים, מִיט זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ; שַׁבָּת קוֹדֶשׁ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר, נִישְׁט דִי פַאנְטַאזִיעֶס פוּן דִי גֶעמֵיינֶע שְׁרַייבֶּערְס.

...

### אַז מֶען וֶועט אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם, וֶועט מֶען הָאבְּן הַצְלָחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת קֹרַח, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן אַלֶע פְרַאגֶעס בְּנוֹגֵעַ דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אַלֶעס אַרוּם - פוּנֶעם מְנַהֵל ר' מָרְדְכַי נֵרוֹ יָאִיר. עֶר הָאט אַסַאךְ קוֹנֶה גֶעוֶוען פוּן מִיר, עֶר וֵוייסְט זֵייעֶר גוּט ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ, אַז דוּ הָאסְט טַעֲנוֹת - זָאלְסְטוּ מִיט אִים שְׁמוּעֶסְן.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי מְלַמְדִים וֶועלְן הָאבְּן שֵׂכֶל אוּן פְרֶעגְן זֵייעֶרֶע פְרַאגֶעס אוּן נֶעמֶען חִיזוּק פוּנֶעם מְנַהֵל ר' מָרְדְכַי, אוּן אַז מֶען וֶועט אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם - וֶועט מֶען הָאבְּן הַצְלָחָה.

גֵיי שְׁלָאפְן פְרִי, אַ מְלַמֵּד דַארְף גוּט שְׁלָאפְן. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ עֶסְן אֵיידֶער דוּ גֵייסְט צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר יֶעדְן טָאג צְווִישְׁן דִי גְרָאז אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין הַארְץ.

...

## אַלֶע וָואס טוּעֶן מִיט אַנְדֶערֶע דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - א׳ פַּרָשַׁת קֹרַח, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין נַייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע אִינְגְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דִי בְּרִית זָאל זַיין אִין צַייט און דוּ זָאלְסְט אִים מְגַדֵּל זַיין לַתּוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים, גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, מִיט דַיין וַוייבּ אִינְאֵיינֶעם.

אַ צְוֵוייטֶע מַזָל טוֹב פַאר׳ן זִיךְ אַרוֹיסְצִיעֶן קַיין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, דִי גַאנְצֶע קְהִילָה אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב וַוארְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג צוּ הָאבְּן אַ מְנַהֵל, אִישׁ עַל הָעֵדָה. עֶס אִיז דָא אַסַאךְ צוּ מְתַקֵּן זַיין אִין חֵדֶר, עֶרְשְׁטְנְס, דִי מְלַמְּדִים און אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זָאלְן זַיין אִין צַייט, און צְוֵוייטְנְס, דִי מְלַמְּדִים וַוארְטְן אוֹיף אַ שְׁמֵייכְל, אַ גוּט וָוארְט. אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה מְחַזֵּק זַיין דִי מְלַמְּדִים זֵיי זָאלְן זַיין צַייטְלִיךְ און זֵיי זָאלְן טוּן זֵייעֶר אַרְבֶּעט בְּנֶאֱמָנוּת, מִיר הָאבְּן זֵייעֶר טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים, אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סִפְרֵי נָשֹׂא, פִּיסְקָא א): "אֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא לִמְחוּזָקִין", דִי אַלֶע וָואס טוּעֶן מִיט אַנְדֶערֶע - דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק.

זַיי מוֹדִיעַ פַאר אַלֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן קוּמֶען רֶעדְן צוּ דִיר, זֵיי זָאלְן מִיטְטֵיילְן זַאכְן וָואס שְׁטֶערְט זֵיי, זַאכְן וָואס זֵיי זֶעעֶן נִישְׁט צוּפְרִידְן. עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אַ טָעוּת, זֵיי מֵיינֶען אַז אוֹיבּ מֶען זֶעט אַ חִסָּרוֹן וְכַדוֹמֶה - טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן, וַוייל אוֹיבּ מֶען רֶעדְט - וֶוערְט מֶען אַ מִתְנַגֵּד; עֶס אִיז נִישְׁט וָואר, אוֹיבּ עֶלְטֶערְן זֶעעֶן עֶפֶּעס וָואס טוֹיג נִישְׁט - דַארְף מֶען דָאס דֶערְצֵיילְן; זָאלְסְטוּ מוֹדִיעַ זַיין דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן קוּמֶען רֶעדְן מִיט דִיר, זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן בַּאקְוֶועם צוּ רֶעדְן מִיט דִיר, מֶען זָאל קֶענֶען מַאכְן דָאס בֶּעסְטֶע וָואס אִיז שַׁיָּיךְ.

אַז דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן אִין חֵדֶר - וֶועל אִיךְ דִיר נִישְׁט שׁוּלְדִיג בְּלַייבְּן, בְּזֶה וּבַבָּא.

...

## איר הֶעלְפְט אִים קֶענֶען לֶערְנֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - א׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בִּין פָּארִיגֶע וָואךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ קוּם אַרַיין אִין שׁוּל זֶעקְס אַזֵייגֶער אוּן אִיךְ זֶע אַייעֶר מַאן זִיצְן אוּן לֶערְנֶען מִיט הַתְמָדָה, עֶר זִיצְט בַּיים וַואנְט אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם וַואנְט, עֶר זֶעט נִישְׁט קֵיינֶעם, עֶר זִיצְט מִיטְן הֵיילִיגְן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן אוּן לֶערְנְט מִיט אַזַא זִיסְקֵייט; דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא חִיזוּק, אַזֶעלְכֶע כֹּחוֹת הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ׳ גֶעוֶוען.

אִיךְ שְׁרַייבּ עֶס אַייךְ וַוייל דָאס אִיז אַייעֶר קְרֶעדִיט, אִיר הָאט שֵׂכֶל, אִיר שֶׁעצְט אִים, אִיר הֵייבְּט אִים אוֹיף, אִיר הֶעלְפְט אִים קֶענֶען לֶערְנֶען; אִיר גֵייט שְׁלָאפְן פְרִי, אַזוֹי קֶען עֶר אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי לֶערְנֶען.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; אַדְרַבָּה, מַאכְט זֵיי פְרֵיילִיךְ; אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַ שִׂמְחָה בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ - זָאלְט אִיר זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אִיר זָאלְט אַרַיינְבְּלָאזְן אַ שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ.

הִתְבּוֹדְדוּת צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער - אִיז אוֹיךְ פַּאר פְרוֹיעֶן, בִּפְרַט אִין שְׁטֶעטְל וואוּ מֶען וואוֹינְט יֶעדֶער בַּאזוּנְדֶער - קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיסְזֶעצְן הִינְטֶער דִי שְׁטוּבּ אִין אַ שְׁטִילֶע אֵיידֶעלֶע פְּלַאץ, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער.

...

## דֶער רֶבִּי בֶּעט פוּן דִיר: ״הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא!״

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן תַּמּוּז אִיז: זְ׳מַנֵּי תְּ׳שׁוּבָה מְ׳מַשְׁמְשִׁין וּ׳בָאִין, מֶען דַארְף זִיךְ שׁוֹין גֶעבְּן אַ דֶערְוֶועק, עֶס קוּמֶען שׁוֹין דִי טֶעג פוּן תְּשׁוּבָה, מִיר קוּמֶען נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִּין.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף פָאר אִיךְ דִי וָואךְ אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ וֶועל דָארְט לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים אוּן גֶעבְּן שִׁיעוּרִים. מֶען וֶועט זִיךְ גְרֵייטְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, אוּן שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, אוּן נָאךְ - צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דִיר בֶּעט אִיךְ בְּרַחֲמִים, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ; דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער דֶעם שְׁמָאלְן בְּרִיקְל, אוּן דֶער רֶבִּי בֶּעט פוּן דִיר: "הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא!" דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "דַע, שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לַעֲבֹר עַל גֶּשֶׁר צַר מְאֹד מְאֹד", דִי וֶועלְט אִיז ווִי אַ שְׁמָאלֶער בְּרִיק, מֶען דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין זֵייעֶר אַ שְׁמָאלֶער בְּרִיק, "וְהַכְּלָל וְהָעִקָּר שֶׁלֹּא יִתְפַּחֵד כְּלָל", דֶער עִיקָר אִיז - מֶען זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

זַיי פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד, גֵיי אִין שׁוּל אָנְטוּן טַלִית אוּן תְּפִילִין אוּן הוֹיבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי זַיין אַ אִיד; דוּ קֶענְסְט נָאךְ פוּן יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן זַיין אַ אִיד, אוּן דוּ קֶענְסְט נָאךְ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי בֶּעט דִיר: "וְהַכְּלָל וְהָעִקָּר, שֶׁלֹּא יִתְפַּחֵד כְּלָל".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זִיךְ חַבֶר'ן אוּן בַּאפְרַיינְדְן מִיט דִי וָואס הָאבְּן תְּמִימוּת, מִיט דִי וָואס אַ וָוארְט פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַ וָוארְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר דִי פַּרְשָׁה פוּן קֹרַח; עֶס כַאפְּט אַ פַּחַד, אַ שְׁרֶעק - וֶוען מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה, מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ"י; וָואס גֵייט פָאר? אוֹיף וֶועם רֶעדְט מֶען? אוֹיף וֶועם קְרִיגְט מֶען? אוּן וֶוער זֶענֶען דִי וָואס קְרִיגְן? גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן! גְרוֹיסֶע רַבָּנִים! וָואס טוּט זִיךְ דָא?!

מִיר דַארְפְן אָבֶּער אַכְטוּנְג גֶעבְּן מִיר זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן אוּן קְרִיגְן אוֹיף צַדִּיקִים. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וֶוער נִישְׁט נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט מִיט קֹרַח, קְרִיג נִישְׁט

אוֹיף צַדִיקִים, רֶעד נִישְׁט אוֹיף קֵיין צַדִיקִים, און זִיכֶער נִישְׁט אוֹיף צַדִיקִים וָואס זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה אוֹיף דִי וֶועלְט און אַרַיינְבְּרֶענְגֶען קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

לֵצִים זֶענֶען דָא אִיבֶּערָאל, לֵצִים אִיז נִישְׁט קֵיין נַייעֶ זַאךְ; דוּ זוּךְ אוֹיף צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִי אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן אִין זִיךְ תְּמִימוּת, און דַיין וַוייבּ זָאל אוֹיפְזוּכְן צְוִוישְׁן דִי פְרוֹיעֶן דִי פְרוֹיעֶן וָואס לֶעבְּן מִיט תְּמִימוּת; בַּיי זֵיי אִיז אַ וָוארְט פון רֶבִּי'ן - אַ וָוארְט, זֵיי גֵייעֶן מִיט תְּמִימוּת נָאךְ דִי וֶועג פון צַדִיקִים, און מִיט זֵיי זָאל זִי זִיךְ בַּאפְרַיינְדְן.

כַאפּ אַרַיין אַ בְּלַאט גְמָרָא, זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה; דָאס וֶועט דִיר בְּלַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶע לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן יֶעדְן טָאג מִיט דַיין וַוייבּ, שְׁמוּעֶס מִיט אִיר, מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ, מַאךְ אִיר לַאכְן; דָאס וֶועט אִיר גֶעבְּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת, בִּיז זִי וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן גֶעזוּנְט.

דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן דָאךְ אַז זִי אִיז גֶעזוּנְט, עֶס אִיז אַלֶעס אִין מֹחַ; אַז דוּ וֶועסְט אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן און דוּ אַלֵיין וֶועסְט אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ - וֶועט זִי זַיין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", און אַוֶועק נֶעמֶען פון זִיךְ דִי עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כֹּחוֹת.

"וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע

מַחְלוֹת און קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ - קוּמְט נָאר צוּלִיבּ עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה, און דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הוּא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹרִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען און קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, און שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ - נֶעמְט עֶר אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע צָרוֹת און יְסוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מִיט שִׂמְחָה וֶועט אִיר בַּאפְרֵייט וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע רוּחוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

צִינְדְט אָן מוּזִיק און טַאנְצְט; גֵייט אַ טֶענְצְל און זַייט בְּשִׂמְחָה אַז אִיר הָאט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט און אַייעֶר מַאן אִיז גֶעזוּנְט; נָאר מִיט שִׂמְחָה וֶועט אִיר בַּאפְרֵייט וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע רוּחוֹת.

שִׂמְחָה פַּארְטְרַייבְּט דֶעם שָׂטָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ הָאף אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם עֶס זָאל זַיין יֶעדֶע וָואךְ אַ קוּנְטְרֵס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְנוּמֶען פָארִיגֶע וָואךְ, אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ עֶנְדִיגְן שְׁרַייבְּן אַ קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; אִיךְ הָאף אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זִיךְ צוּ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען עֶס זָאל זַיין יֶעדֶע וָואךְ אַ קוּנְטְרֵס.

בְּעִנְיַן הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז זַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען מַסְכִּים עֶר זָאל זַיין אִין יְשִׁיבָה. וַוייל פַאר מִיר הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיבְּן אַ שַׁארְפֶע בְּרִיווּ, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען דָא. (נִישְׁט אַז אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, נָאר בִּפְקִידוּת מוֹהֲרַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט מִיר גֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ נֶעמֶען בָּחוּרִים וָואס דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה), אָבֶּער אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז זֵיי זֶענֶען מַסְכִּים - וֶועל אִיךְ אִים צוּרִיק נֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל נִישְׁט קֵיינֶעם פַארְגִיפְטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ ...**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וֵוייסְטוּ, אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין מַסֶּכֶת כַּלָּה רַבָּתִי, פֶּרֶק ט): "כַּבְּדֵהוּ וְחַשְׁדֵהוּ"; מֶען דַארְף טַאקֶע יֶעדְן אֵיינֶעם מְקָרֵב זַיין אוּן מְחַזֵּק זַיין, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְף מֶען זִיךְ הִיטְן פוּן לֵצִים אוּן פוּן אַ חָסִיד שֶׁנָּפַל.

מוֹהֲרַ"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אוֹיף אֵיינֶעם וָואס פְלֶעגְט זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי אוּנְז, פוּן אִינְדְרוֹיסְן הָאט עֶר אוֹיסְגֶעזֶען ווִי אַ פַארְפְרוּמְטֶער פַארְחְנְיָאקְטֶער, פְּלוּצְלוּנְג הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה - קֶעגְן דִי יְשִׁיבָה, קֶעגְן דִי דִיבּוּרִים וָואס מִיר רֶעדְן. שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר גֶעקוּמֶען וֵויינֶען אַז עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר ווִיל צוּרִיק זַיין אִין אוּנְזֶער חֲבוּרָה. דֶעמָאלְט הָאט מִיר מוֹהֲרַ"שׁ גֶעזָאגְט: "מִיט אֵיינֶער וָואס הָאט חוֹזֶק גֶעמַאכְט אוּן לֵיצָנוּת גֶעמַאכְט - זָאלְסְטוּ נִישְׁט זִיצְן אִינְאֵיינֶעם; עֶר קֶען דַאוֶונֶען אִין שׁוּל אָבֶּער

גֶעדֶענְק, נִישְׁט וֶוערְן נָאנְט מִיט אֵיינֶעם וָואס הָאט דִיךְ פַּארְרָאטְן. נָאכְדֶעם הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר דֶערְצֵיילְט אַז יֶענֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן גֵייט מִיט שְׁוַוארְצֶע שֵׁדִים טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן קוּמְט דַאוֶוענֶען בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל – זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל נִישְׁט קֵיינֶעם פַּארְגִיפְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וֶוער עֶס טוּט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת זֶעט אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, טְבֶרְיָ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ ווִילְסְט עֶפֶענֶען אַ בֵּית פֵּיגָא שׁוּלֶע אִין טְבֶרְיָ' מִיט מַיין נָאמֶען – זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט הָאַבְרֵךְ יִצְחָק פָּאפְּנְהֵיים נֵרוֹ יָאִיר. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעשְׁטֶעלְט צוּ פִירְן מַיינֶע מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. עֶר וֵוייסְט וָואס אִיךְ ווִיל, עֶר וֵוייסְט ווִי אַזוֹי דָאס צוּ פִירְן אוּן נָאר מִיט אִים וֶועלְן מִיר עֶפֶענֶען אַ בֵּית פֵּיגָא.

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין, ווִיל אִיךְ דִיר זָאגְן. דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר שַׁארְפֶע בְּרִיוו קֶעגְן דֶעם אִינְגֶערְמַאן נֵרוֹ יָאִיר; אִיךְ וֵוייס אַז דִי זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט וָואר, אִיךְ פְּרֶעג זִיךְ אַלְץ נָאךְ, אוּן אִיךְ קוּק זִיךְ צוּ פוּן דֶער זַייט צוּ זֶען ווִי אַזוֹי עֶר פִירְט דִי חֵדֶר אוּן דִי בֵּית פֵּיגָא, אוּן אוֹיךְ דֶעם יְרוּשָׁלַיִם'עֶר שׁוּל; אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן ווִי אַזוֹי עֶר פִירְט עֶס.

אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף בֵּית פֵּיגָא אוּן נִישְׁט אוֹיף הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, יֶעדֶער אֵיינֶער – וֶוער עֶס ווִיל עֶפֶענֶען תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס אוּן שׁוּלֶע'ס – זָאל זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט, יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִיר, אָבֶּער אַז דוּ ווִילְסְט עֶס זָאל זַיין אוּנְטֶער מַיין נָאמֶען – ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט גָארְנִישְׁט מַאכְן. נִישְׁט ר' ... נֵרוֹ יָאִיר

און נִישְׁט ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט; קֶענְסְט רֶעדְן מִיט הָאַבְרֵךְ יִצְחָק פָּאפְּנְהֵיים נֵרוֹ יָאִיר און אַז עֶר וֶועט זָאגְן עֶפֶּענֶען - וֶועט מֶען עֶפֶּענֶען.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט. מִיר הָאבְּן אַן עֵצָה בַּאקוּמֶען פון רֶבִּי׳ן וָואס וועט עֶס פָּאלְגְט דִי עֵצָה, וֶוער עֶס טוּט דָאס - אִיז אַן אוֹיסְגֶעלֵייזְטֶער, אַ בַּאפְרֵייטֶער, מֶען זֶעט אַ וֶועג אַרוֹיס פון יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס גֵייט מִיט דִי וֶועג, עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד יֶעדְן טָאג; וֶועט עֶר זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פון גֶעשְׁוִויסְטֶער און פון חַבֶר׳טֶעס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ זֵייעֶר לִיבּ, עֶר וַוארְט אִיר זָאלְט רֶעדְן צוּ אִים; יֶעדֶע וָוארְט וָואס אִיר רֶעדְט צוּ אִים נֶעמְט אַ מַלְאָךְ, עֶר טְרָאגְט עֶס אִין הִימְל און מַאכְט דֶערְפוּן אַ קְרוֹין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוערְט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פון גֶעשְׁוִויסְטֶער און פון חַבֶר׳טֶעס; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז ׳מִיט דִיר, בַּיי דִיר און נֶעבְּן דִיר׳, און וַוארְט אִיר זָאלְט רֶעדְן צוּ אִים, זִינְגֶען צוּ אִים, אִים דַאנְקֶען און לוֹיבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### גֵיי מִיט דִי בָּחוּרִים מִזְמַן לִזְמַן צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים מִתְפַּלֵל זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מַגִּיד שִׁיעוּר יְשִׁיבָה קְטַנָּה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הֶער זָאגְן אַז דֶער בָּחוּר ... גֵייט בַּיינַאכְט פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט ...;

כְּלוֹמְר׳יש גֵייעֶן זֵיי צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים. זָאג אִים עֶר זָאל גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ, קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה.

דוּ גֵיי מִיט דִי בָּחוּרִים מְזַמֵּן לִזְמַן צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים מִתְפַּלֵל זַיין, אוּן אוֹיפְן וֶועג קֶענְסְטוּ מִיט זֵיי פַארְבְּרֶענְגֶען וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זוּכְן אִין זִיךְ גוּטֶע נְקוּדוֹת
## פַארְשְׁנַיידְט דִי שְׁלֶעכְטְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן. זִינְג הַלֵּל; זִינְג דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער פוּן הַלֵּל, וִוי דָּוִד הַמֶּלֶךְ זִינְגְט (תְּהִלִּים קיח, יג): ״דָּחֹה דְחִיתַנִי לִנְפֹּל וַה׳ עֲזָרָנִי״, מַיינֶע פַיינְט ווִילְן מִיךְ אַרָאפְּוַוארְפְן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְּט מִיר; דִי פַיינְט מֵיינְט מֶען דִי סִטְרָא אַחֲרָא, וָואס ווִיל אוֹיסְרַייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן בֵּיידֶע וֶועלְטְן. אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ טַייטְשְׁט (פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, קעט.): ״דָּא סִטְרָא אָחֳרָא״, דָאס מֵיינְט מֶען דִי סִטְרָא אָחֳרָא, ״דְּדַחְיָיא לֵיהּ לְבַר נָשׁ תָּדִיר״, וָואס וַוארְפְּט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אָבֶּער: ״וַה׳ עֲזָרָנִי״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אִים, וִוי אַזוֹי? וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּנֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם? זָאגְט מוֹהֲרַא״שׁ (סִידּוּר עֵת רָצוֹן, הַלֵּל) דוּרְךְ (תְּהִלִּים קיח, יד): ״עָזִּי וְזִמְרָת קָהּ״, דוּרְךְ זִינְגֶען אוּן לוֹיבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״וַיְהִי לִי לִישׁוּעָה״, דָאס אִיז דִי יְשׁוּעָה; זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זוּכְן אִין זִיךְ גוּטֶע נְקוּדוֹת - דָאס פַארְשְׁנַיידְט דִי שְׁלֶעכְטְס.

גֵיי נִישְׁט צוּם אַרְבֶּעט אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען; בִּפְרַט אַזַא טָאג וִוי רֹאשׁ חוֹדֶשׁ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת - זָאלְסְטוּ קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אוּן זִינְגֶען הַלֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער

רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת אַהֲבָה, סִימָן ח): "עַל יְדֵי אֲמִירַת הַלֵּל", דוּרְךְ זִינְגֶען הַלֵּל, "בְּקוֹל גָּדוֹל", מִיט אַ הוֹיכֶע קוֹל - "זוֹכִים לְאַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אִיז מֶען זוֹכֶה, מֶען הוֹיבְּט אָן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת מְרִיבָה, סִימָן ג): "עַל יְדֵי קְרִיאַת הַלֵּל", דוּרְךְ זִינְגֶען הַלֵּל, "יוֹשִׁיעַ לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר הֶעלְפְן - "מֵאוֹיְבֶיךָ", פוּן דַיינֶע פַיינְט; וַוייל אַז מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - בַּאקוּמְט מֶען אַזַא שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד, מֶען וֶוערְט גֶעוָואר 'קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, קֵיינֶער קֶען מִיךְ נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אָדֶער שֶׁעדִיגְן'.

בְּרוּדֶער, וָואס אִיז מִיט דִיר? וֶועק זִיךְ אוֹיף! מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין בַּיי תַּמּוּז... מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט נָאךְ פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע אַז תַּמּוּז אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: ז'מַנֵּי תְּ'שׁוּבָה מְ'מַשְׁמְשִׁין וּ'בָאִין; עֶס קוּמְט שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, דִי טֶעג פוּן תְּשׁוּבָה. עֶס כַאפְּט אַ קִיצְל אִין דִי בֵּיינֶער, דֶער יָאר אִיז שׁוֹין כִּמְעַט אַרִיבֶּער, מִיר פָארְן שׁוֹין כִּמְעַט צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן; אָנְהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אַלֶע דְרֵיי תְּפִילּוֹת אוּן אָפְּלָאזְן דִי מַחֲלֹקֶת, אָפְּלָאזְן קְרִיגֶערַייעֶן.

אִיךְ פָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף דִי וָואךְ אִין שְׁטֶעטְל - בִּיז אַ וָואךְ פַאר סְלִיחוֹת, אוּן ב' סְלִיחוֹת פָארְן מִיר קַיין אוּמַאן. אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קוּמֶען אַמָאל צוּ אַ שִׁיעוּר; דִי שִׁיעוּרִים גֵייעֶן אָן וִוי גֶעהֶערִיג, גָארְנִישְׁט הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט. אַנְדֶערֶע זָאגְן דִי יְשִׁיבָה טוֹישְׁט זִיךְ, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי; עֶס אִיז צוּרִיק וִוי יָארְן צוּרִיק, וֶוען אִין יְשִׁיבָה זֶענֶען גֶעקוּמֶען בָּחוּרִים מִיט דִי כַּוָּנָה צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען. אִיךְ דַארְף נָאר כֹּחַ צוּ קֶענֶען פָאלְגְן מוֹהֲרָא"שׁ, לֵיידֶער אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ פָאלְגְן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט סִימָנִים וֶועם צוּ הַאלְטְן אִין יְשִׁיבָה אוּן וֶועם נִישְׁט; אִיךְ דַארְף נָאר פָאלְגְן, אַז אִיךְ וֶועל פָאלְגְן - וֶועט זַיין גוּט פַאר מִיר אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע קְהִילָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ גֶענוֹי וִוי דִי עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

ווִילְסְט ווִיסְן וִוי אַזוֹי דַיין בָּחוּר וֶועט זִיךְ פִירְן, וָואס פַאר אַ טֶעלֶעפָאן עֶר וֶועט הָאבְּן אִין טַאשׁ? קוּק אִין שְׁפִּיגְל, אַזוֹי וִוי דִיר; וִוי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ - אַזַא טֶעלֶעפָאן, מִיט אַזֶעלְכֶע וֶוערְטְלֶעךְ, אַלֶעס אַלֶעס, פִּינְקְט אַזוֹי, מִיט פְּרָאצֶענְט - וֶועלְן זֵיי זַיין, דֶערִיבֶּער הָאב שֵׂכֶל, טוּ זִיךְ אַלֵיין אַ טוֹבָה אוּן לָאז אָפּ דִי שְׁטוּתִים.

זָאלְסְט נִישְׁט קוּמֶען מִיט טַעֲנוֹת: ׳מַיין זוּן קוּקְט מָאוִויס׳, ׳מַיין זוּן קוּקְט סְטֶעטוּס׳, ׳מַיין זוּן אִיז פַארְ׳כִּישׁוּפְ׳ט צוּם טֶעלֶעפָאן וְכוּ׳ וְכוּ׳״ וַוייל אַזוֹי גֵייט עֶס, ״כְּאִמָּהּ בִּתָּהּ״ (תַּנְחוּמָא וַיִּשְׁלַח, ז), אַזוֹי וִוי דִי מַאמֶע - אַזוֹי אִיז דִי טָאכְטֶער, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער טַאטֶע - אַזוֹי אִיז דֶער זוּן.

הַיינְט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמוּז, וֶוען מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער צוּם סוֹף יָאר, מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין צוּם רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה - מַאךְ דִי רִיכְטִיגֶע הַחְלָטָה, לָאז אָפּ דִי גֶעטְשְׁקֶע, גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיין גָלוּת.

נֶעכְטְן שְׁרַייבְּט מִיר אַ וַוייבְּל וִוי בִּיטֶער עֶס אִיז אִיר, זִי אִיז פַארְקְנֶעכְטֶעט צוּם טֶעלֶעפָאן, זִי הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד פַאר גָארְנִישְׁט; נִישְׁטָא קַיין וֶועשׁ, נִישְׁטָא קַיין קִינְדֶער, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט, נָאר מָאוִויס; זִי וֵויינְט זִי ווִיל אַרוֹיסְגֵיין פוּן אִיר תְּפִיסָה, זִי קֶען נֶעבֶּעךְ נִישְׁט, סַיי זִי, סַיי אִיר מַאן, בֵּיידֶע זֶענֶען אַרֶעסְטִירְט בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע.

אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן בָּארָא פַּארְק זָאגְט מִיר: ״אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן מַיין תְּפִיסָה, אִיךְ הָאב אַוֶועק גֶעוָוארְפְן דֶעם גֶעטְשְׁקֶע; עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען בִּיטֶער שְׁוֶוער, צְוֵויי וָואכְן הָאב אִיךְ גֶעמֵיינְט אִיךְ וֶוער מְשׁוּגָע פוּן זַיין יֶעדֶע רֶגַע צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם וַואטְס-עֶפְּ, אָבֶּער יֶעצְט בִּין אִיךְ אַן אוֹיסְגֶעלֵייזְטֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ הָאב אַסַאךְ צַייט; אִיךְ הָאב צַייט צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ קֶען טְרַאכְטְן, אִיךְ הֶער מַיין וַוייבּ רֶעדְן צוּ מִיר, אִיךְ הֶער מַיינֶע קִינְדֶערְ׳ס וֶוערְטְלֶעךְ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער״.

נֶעם אַ גְמָרָא און לֶערְן דֶעם בְּלַאט, זָאג דִי וֶוערְטֶער - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## דָאס הַארְץ רַייסְט מִיר, וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט עֶנְק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר וֵוייטָאגְלִיכֶער בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר רַחְמָנוּת אוֹיף אַייךְ און אוֹיף אַייעֶר מַאן און קִינְדֶער. אִיךְ גֶעדֶענְק אַייךְ אַלְס תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא, וִוי שֵׁיין אַייעֶר לֶעבְּן אִיז אַייךְ גֶעוֶוען, און יֶעצְט, פוּן וֶוען אִיר זֶענְט פַארְקְנֶעכְטֶעט צוּם סְמַארְטְפָאוֹן, אִיר קוּקְט טָאג און נַאכְט מָאוִויס - גֵייט אִיר צוּגְרִינְד; אִיר, אַייעֶר מַאן און קִינְדֶער.

דָאס הַארְץ רַייסְט מִיר, וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט אַייךְ און אַייעֶר מַאן? אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר עֶנְק, סַיי פַאר אַייעֶר מַאן וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, און סַיי פַאר אַייךְ אִין בֵּית פֵיגָא, און יֶעצְט וֶוען בֵּיידֶע פוּן עֶנְק זֶענֶען פַארְקְנֶעכְטֶעט פַאר דִי טֶעלֶעפָאן; אִיר וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן דִי קִינְדֶער, דִי הוֹיז פְלִיט, עֶס אִיז שְׁמוּצִיג און נָאכְגֶעלָאזְט, און אַייעֶר מַאן מִיט זַיין טֶעלֶעפָאן וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן אַייךְ - דָאס הַארְץ רַייסְט מִיר.

מַיינֶע תְּפִילוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען: "לְמַעַן לֹא נִגַּע לָרִיק, וְלֹא נֵלֵד לַבֶּהָלָה", דִי תַּלְמִידִים און תַּלְמִידוֹת פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד זָאלְן בְּלַייבְּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם און אוֹיפְשְׁטֶעלְן גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבֶּער, מַיין אַרְבֶּעט זָאל נִישְׁט זַיין אוּמְזִיסְט.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶנְק וֶועלְן זִיךְ אֵיין טָאג אוֹיפְוֶועקְן און אַנְטְלוֹיפְן פוּן תְּפִיסָה, אָפְּלָאזְן דִי מָאוִויס, אַרוֹיסְוַוארְפְן דִי עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן פוּן שְׁטוּבּ און לֶעבְּן אַן עֶרְלִיכֶע זִיסֶע לֶעבְּן; אִיר וֶועט זַיין אַ מַאמֶע פַאר דִי

קִינְדֶער אוּן אַ וַוייבּ פַאר אַייעֶר מַאן, אוּן אַייעֶר מַאן וֶועט צוּרִיק בַּאקוּמֶען דַיינֶע אוֹיעֶרְן, עֶר וֶועט הֶערְן וֶוען אִיר רֶעדְט צוּ אִים.

אִין בִּין זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַאךְ דַיין קִינְד חֲתוּנָה, לָאז אִים לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

...

עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן, נָאר אֵיין עֵצָה אִיז דָא: 'חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער וָואס יוּנְגֶער אוּן וָואס גִיכֶער'; נָאר דָאס אִיז דִי עֵצָה צוּ רַאטֶעוֶוען דֶעם דוֹר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין כט:) וֶוער עֶס הָאט חֲתוּנָה שְׁפֶּעט - וֶועט עֶר זִיךְ מוּטְשֶׁען מִיט אוּמְרֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען דֵיין גַאנְץ לֶעבְּן.

וֵויי אוּן בִּיטֶער פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס פַאר אַבִּיסְל כָּבוֹד אוּן פַאר אַנְדֶערֶע נְגִיעוֹת - הַאלְטְן זֵיי אָפּ דִי קִינְדֶער פוּן לֶעבְּן בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה, וֵויי אוּן בִּיטֶער פַאר זֵיי; וָואס וֶועלְן זֵיי עֶנְטְפֶערְן פַארְן בֵּית דִּין שֶׁל מַעֲלָה וֶוען מֶען וֶועט זֵיי אוֹיפְוַוייזְן קְלָאר וָואס דִי קִינְדֶער זֶענֶען נֶעבֶעךְ אַרִיבֶּער טָאג טֶעגְלִיךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ...

מַאךְ נִישְׁט קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, טוּ וָואס אִיז רִיכְטִיג; מַאךְ דַיין קִינְד חֲתוּנָה, לָאז אִים לֶעבְּן; דוּ ווִילְסְט דֶען זַיין אַלֵיין? קוּק נִישְׁט אוֹיף שְׁכֵנִים, מִשְׁפָּחָה; טוּ וָואס אִיז רִיכְטִיג, וֶועט דִיר גוּט זַיין בְּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט פַאר פְּרוּוּעֶן וָואס וַוארְטְן אַז זֵיי זָאלְן זָאגְן אִין דִי צַייט "שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים" - נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זָאל מֶען הָאבְּן גְרִינְג דָאס קִינְד. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק חֵלֶק ב׳, סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דוּרְכְ'ן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים - קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ, יַעֲקֹב אָבִינוּ, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, יוֹסֵף הַצַּדִּיק, דָּוִד הַמֶּלֶךְ, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, מוֹהֲרָא"ש מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען זָאגְן דִי תְּפִלָּה:

"יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, אִין דִי זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִיקִים, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן זֵייעֶר מְסִירַת נֶפֶשׁ, ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועְן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְגֶערְהֵייט אַ גֶעזוּנְט קִינְד בִּרְמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִידִים; אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט גְרִינְגֶערְהֵייט. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר אַ גֶעזוּנְט קִינְד, אַ לִיכְטִיג קִינְד, אַ הֵיילִיג קִינְד. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; מֶען קֶען וַוייטֶער גֶעבְּן צוּ זֵייגְן אִין דִי עֶרְשְׁטֶע חֳדָשִׁים וָואס מֶען וַוארְט, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סַכָּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וַוייטֶער הָאבְּן דִי כֹּחַ צוּ זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג אוּן שֵׁיין צוּ אַנְדֶערֶע**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הֶער פוּן דִי מְנַהֶלֶת תְּחִיֶ' אוּן פוּן אַייעֶרֶע לֶערֶערִינְס אַז אִיר זֶענְט אַן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶע תַּלְמִידָה, אִיר פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מִיט גוּטֶע מִידוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט וַוייטֶער הָאבְּן דִי כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג אוּן זַיין שֵׁיין צוּ אַנְדֶערֶע, מִיט גוּטֶע מִידוֹת; וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב אוּן הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

זָאגְט פַאר אַייעֶרֶע חַבֶרְ'טֶעס אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק הֶערְן פוּן דִי מְנַהֶלֶת גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף זֵיי אוֹיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה וִוי הֶעלְפְן דִי מַאמֶע**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ'**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאב זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים אוּן אִיר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס קֶען זַיין שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער פוּן זִינְגֶען תְּהִלִּים אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן...

זֶעט צוּ הֶעלְפְן אַייעֶר מַאמֶע אִין שְׁטוּב, נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה וִוי הֶעלְפְן דִי מַאמֶע; אַז אִיר וֶועט הֶעלְפְן אַייעֶר מַאמֶע מִיט שִׂמְחָה - וֶועט אִיר מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעבְּט אַ גְרוּס פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הִיט דַיינֶע אוֹיגְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שִׂמְחָה אִין לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְשִׁיבָה קְטַנָּה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס אִיז עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְט פָּארְן מִיט דַיין טַאטֶע קַיין אוּמַאן, אַזוֹי וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען מֶען פָּארְט אוֹיף אוּמַאן דַארְף מֶען רַחֲמֵי שָׁמַיִם, סֵיי אוֹיפְן וֶועג - נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין מָאוִויס אוֹיפְן פְלִיגֶער, אוּן סֵיי דָארְט אִין אוּמַאן אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, מֶען מוּז הָאבְּן שְׁמִירָה; אִיז זִיכֶער כְּדַאי זָאלְסְט פָּארְן מִיט דַיין טַאטֶע נֵרוֹ יָאִיר, עֶר וֶועט הִיטְן אוֹיף דִיר אַ גַאנְצֶע וֶועג אַז דוּ זָאלְסְט אָפְּהִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן.

טַייעֶרֶער ..., הִיט דַיינֶע אוֹיגְן, קוּק נִישְׁט אִין קַיין טֶעלֶעפָאן, אוּן וֶוען דוּ גֵייסְט אִין גַאס קוּק אַרָאפּ - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שִׂמְחָה אִין לֶעבְּן, וַוייל אוֹיבּ מֶען אִיז מַפְקִיר דִי אוֹיגְן - אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער; מֶען פַארְלִירְט דִי שִׂמְחָה, בִּיז דֶער לֶעבְּן אִיז נִישְׁט וֶוערְד, מֶען גֵייט אַרוּם טָאג אוּן נַאכְט צֶעבְּרָאכְן; בַּייטָאג וַוארְט מֶען אוֹיף נַאכְט אוּן בַּיינַאכְט וַוארְט מֶען 'וֶוען וֶוערְט שׁוֹין טָאג?' מֶען אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּפְרִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁפְּרִיץ זִיךְ אַריין מִשְׁנַיוֹת צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיטְן לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס תּוֹרָה טוּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין רַחֲמָנָא לִצְלָן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוֹיבּ עֶר נֶעמְט אוֹיף זִיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה - וֶועט דִי תּוֹרָה אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. אַזוֹי וִוי

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה, דָאס הֵייסְט עֶר נֶעמְט זִיךְ פָּאר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "רֶעכְן אִיךְ אִים כְּאִילוּ עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט".

לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט דִיךְ אוֹיסְוַואשְׁן אוּן אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע פְלֶעקְן.

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן דִיךְ כְּסֵדֶר: "אִיךְ הֶער אַז דוּ בִּיסְט אַ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ'נִיק..." עֶנְטְפֶער נִישְׁט "יָא"; קוֹדֶם נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת, זָאג אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אוּן נָאכְדֶעם גֵיי זָאג אִים: "יָא, אִיךְ בִּין אַ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ'נִיק, אִיךְ בִּין אַ תַּלְמִיד פוּן מוֹהֲרָא"שׁ".

דִי וָואס לַיידְן אוֹיף אַסְטְמַא הַאלְטְן מִיט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַ קְלֵיינֶע שְׁפְּרִיצֶער, וָואס אוֹיב זֵיי פַארְלִירְן דֶעם אָטֶעם - גֶעבְּן זֵיי זִיךְ גְלַייךְ אַ שְׁפְּרִיץ אַרַיין פוּן דִי מֶעדֶעצִין, אַזוֹי קֶענֶען זֵיי אָטֶעמֶען. מִשְׁנַיוֹת אִיז מַמָּשׁ דֶער זַאךְ, מֶען דַארְף דָאס טְרָאגְן מִיט זִיךְ צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיטְן לֶעבְּן, נִישְׁט וֶוערְן פַארְכַאפְּט אִין עֲבֵירוֹת.

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם מָארְגְן וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶער לֵיל שִׁישִּׁי שִׁיעוּר אִין שְׁטֶעטְל אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, עֶס וֶועט זַיין נָאךְ מַעֲרִיב, אוּם צֶען אַזֵייגֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## טוּט דֶעם שִׁידוּךְ, טוּט וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט, וָואס עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים זָאגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

מַיין מַאמֶע דֶערְצֵיילְט מִיר יֶעצְט אַז מֶען רֶעדְט צוּ אַייךְ נָאכְאַמָאל דִי שִׁידוּךְ פוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, אוּן אִיר צְוֵוייפְלְט דָאס צוּ טוּן וַוייל אַ בַּאבַּא פוּן

יְרוּשָׁלַיִם הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי נֶעמֶען שְׁטִימֶען נִישְׁט, און אַ צְוֵוייטֶער פָּאפֶּער הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר זֶעט אוֹיפְן שְׁרִיפְט אַז עֶר אִיז אַ כַּעֲסָן און אִיר ווילְט וִויסְן וָואס אִיר זָאלְט טוּן.

אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין גֶעזָאגְט אַ יָאר צוּרִיק, דֶער וָואס שְׁטֶעלְט אָפּ אַ שִׁידוּךְ צוּלִיבּ דֶעם אַז דִי נֶעמֶען שְׁטִימֶען נִישְׁט, אָדֶער צוּלִיבּ דֶעם אַז דִי שְׁרִיפְט, גְרַאפַאלָאגְיֶע, זָאגְט - אַז דֶער וָואס הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דִי כְּתַב הָאט מִידוֹת רָעוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳; אַזַא אֵיינֶער אִיז אַ בַּאנְדִיט, אַ פַארְבְּרֶעכֶער; זָאל מֶען רוּפְן ׳נְקִיֵּי הַדַעַת שֶׁבִּירוּשָׁלַיִם׳, זָאל מֶען בַּאטִיטְלֶען מִיטְן טִיטְל ׳בָּקִי בְּחָכְמַת הַיָד וְהַפַּרְצוּף׳; אַזַא אֵיינֶער אִיז אַ לִיגְנֶער, אַ שְׁווינְדְלֶער.

אִיךְ זָאג אַייךְ אִיר זָאלְט טוּן דֶעם שִׁידוּךְ, אִיר זָאלְט טוּן וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט, בִּפְרַט אַז עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים, ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָרַב ... וָואס אִיז אַ גָאוֹן וְצַדִיק - זָאגְט עֵדוּת אוֹיף דֶעם אִינְגֶערְמַאן אַז עֶר אִיז אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן - זָאלְט אִיר לוֹיפְן טוּן דֶעם שִׁידוּךְ.

ווארִיל אִיז פַאר דִי וָואס גֵייעֶן צוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן, וָואס פִירְן זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה; מִיטְ׳ן פָּסוּק (דְבָרִים יח, יג): "תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה׳ אֱלֹקֶיךָ", און וֵויי און בִּיטֶער אִיז פַאר דִי וָואס וֶוערְן פַארְכַאפְּט בַּיי דִי שְׁווינְדְלֶער, אִין זֵייעֶר נֶעץ פוּן גְרַאפַאלָאגְיֶע אָדֶער חָכְמַת הַקַבָּלָה (קַבָּלַת כֶּסֶף) - וָואס מַאכְן מְשׁוּגָע זֵייעֶרֶע מֶענְטְשְׁן מִיט לֵיינֶען נֶעמֶען, הֶענְט, שְׁטֶערְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אִיךְ חַזֶר אִיבֶּער נָאכַאמָאל וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מַיין גְרוֹיסֶער רֶבִּי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "וֶוער עֶס שְׁטֶעלְט אָפּ אַ שִׁידוּךְ - אִיז אַ בַּאנְדִיט, און דִי וָואס זָאגְן אַז דִי נֶעמֶען שְׁטִימֶען נִישְׁט, אָדֶער זֵיי לֵיינֶען דִי שְׁרִיפְט און הֶענְט און שְׁטֶעלְן אָפּ שִׁידוּכִים - זֶענֶען גְרוֹיסֶע פַארְבְּרֶעכֶער, און זִיכֶער דֶער וָואס מַאכְט גֶטְ׳ן בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער - דֶער אִיז דֶער שָׂטָן אַלֵיין".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֶער אוֹיס דַיין וַוייבּ אוּן בַּארוּאִיג אִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ גֵיין שְׁפַּאצִירְן מִיט דִי וַוייבּ אִין גַאס, דוּ פְרֶעגְסְט וָואס טוּט מֶען מִיט דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת מג:): "לֹא יְסַפֵּר אָדָם עִם אִשָּׁה בַּשּׁוּק, וַאֲפִילוּ הִיא אִשְׁתּוֹ", מֶען זָאל נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן אִין גַאס אֲפִילוּ מִיט דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ, צוּלִיבּ חֲשַׁד וְכוּ'; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי פּוֹסְקִים (יוֹסֵף אֹמֶץ דִּינֵי נִדָּה וְעֶרְוָה, סִימָן ח): "בָּעֲיָרוֹת קְטַנּוֹת כְּהַנְהוּ דִידָן בְּאֶרֶץ אַשְׁכְּנַז שֶׁרֹב הָעוֹלָם מַכִּירִין בָּהֶן, שָׁרֵי", אִין דִי פְּלֶעצֶער וואוּ מִיר וואוֹינֶען אוּן דִי מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן אַז דָאס אִיז דִי וַוייבּ - אִיז מֻתָּר; עַיֵּין שָׁם.

גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן מִיט דַיין וַוייבּ, עֶס אִיז גֶעזוּנְט אִין אַלֶע בְּחִינוֹת; סַיי פַארְן גֶעזוּנְט בְּגוּף, סַיי פַארְן גֶעזוּנְט בְּנֶפֶשׁ אוּן פַארְן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אַז זִי קְרֶעכְצְט 'וָואס וֶועט זַיין מִיט דָאס?' 'וָואס וֶועט זַיין מִיט יֶענְץ?' זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן אִיר בַּארוּאִיגְן. שְׁמוּעֶסְט פוּן אֱמוּנָה, שְׁמוּעֶסְט פוּן דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אַייךְ בִּיז אַהֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֵיינְמָאל מַאכְט מֶען נִישְׁט קֵיין אָפֶּעראַצְיֶע וֶוען מֶען דַארְף נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

פַארְוָואס אָפֶּערִירְן? מֶען מַאכְט נִישְׁט קֵיין אָפֶּערֶעישְׁן נָאר אַז מֶען מוּז.

אוֹיךְ וֶוען אֵיין דָאקְטֶער זָאגְט מֶען מוּז - מַאכְט מֶען נָאךְ אוֹיךְ נִישְׁט, נָאר מֶען פְרֶעגְט נָאךְ אַ דָאקְטֶער.

קֵיינְמָאל מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין אַפֶּערַאצִיֶע וֶוען מֶען דַארְף נִישְׁט. מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קֶעגְן דִי אַלֶע וָואס פְּלֶעגְן קוּמֶען פְּרֶעגְן אוֹיבּ מֶען זָאל מַאכְן אֲפִילוּ קְלֵיינֶע אַפֶּערַאצִיעֶס וָואס אַלֶע מַאכְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל זִיךְ קְלֶענֶער מַאכְן דִי מָאגְן (סְלִי"וְו) אָדֶער זִיךְ מַאכְן דִי אוֹיגְן וְכוּ'; מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "מֶען לֵייגְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוּנְטֶערְן מֶעסֶער, אוּן אֲפִילוּ וֶוען אַ דָאקְטֶער זָאגְט מֶען מוּז - פְּרֶעגְט מֶען נָאךְ אַ דָאקְטֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַייעֶר קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

דוּרְךְ מְוַותֵּר זַיין אִין שְׁטוּב, דוּרְךְ לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט - בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּב אוּן מֶען זֶעט נִיסִים לְמַעְלָה מִן הַטֶּבַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל דִיר זַיין גְרִינְגֶער, עֶס זָאל דִיר וֶוערְן בֶּעסֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען מֶען וִויל אַנְטְלוֹיפְן - אַנְטְלוֹיפְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ - אִיז נִישְׁטָא וואוּ צוּ לוֹיפְן. אַלְקָאהָאל הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס מַאכְט מֶער בִּיטֶער, סַמִּים - דְרָאגְס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפְּהִיטְן, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער זָאל זִיךְ אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן אַ בִּנְיָן אוּן זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; נִישְׁטָא וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן - נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אַז דַיין וַוייבּ דֶערְבִּיטֶערְט דִיךְ - זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז עֶס וָואלְט דִיר גֶעקֶענְט זַיין בֶּעסֶער אַלְס נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אָדֶער אַנְדֶערֶע טְרֵיפָה'נֶע מַחֲשָׁבוֹת, מִיט אַ צְוֵוייטְן וָואלְט דִיר גֶעוֶוען גְרִינְגֶער; גְלֵייבּ מִיר, נִישְׁטָא וואוּ צוּ לוֹיפְן - נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶענְסְט קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל דִיר זַיין גְרִינְגֶער, עֶס זָאל דִיר וֶוערְן בֶּעסֶער.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר, עֶס וֶועט זַיין אַבִּיסְל שְׁפֶּעטֶער וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ; צוּלִיבּ וָואס מֶען בּוֹיט אִיבֶּער דֶעם הֵיכַל בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פַּאר דִי בָּחוּרִים פַּארְן זוּמֶער, אוּן אִיךְ ווִיל נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי מִנְיָן מִנְחָה מַעֲרִיב פוּן שְׁטֶעטְל, וֶועט דִי שִׁיעוּר זַיין צֶען אַזֵייגֶער.

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן גֶעקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ דָא אִין שְׁטֶעטְל וִוי אִין גַן עֵדֶן, אַ רֵיינֶע פְּלַאץ, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת. מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען מִיר זֶענֶען הוּלְטֵייעֶס, מֶענְטְשְׁן רֶעדְן אוֹיף אוּנְז אַז דָא אִיז אַ פְּלַאץ פוּן הֶפְקֵרוּת, אִיךְ בִּין אַזוֹי שְׁטָאלְץ מִיט אוּנְזֶער קְהִילָה; אַזַא רֵיינְקֵייט, אַזַא הֵיילִיגְקֵייט.

אִיךְ וֶועל דִיר בְּלִי נֶדֶר שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת, אִיךְ יָאג זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל קְהִלּוֹת בְּיִשְׂרָאֵל לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת, וָואס ווִילְט אִיר פוּן מִיר הָאבְּן?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ג׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁיִּחְיוּ**

טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, לַאכְט נִישְׁט אָפּ פוּן דִי גְּדָרִים וָואס אִיךְ שְׁטֶעל אַוֶועק אִין אוּנְזֶער קְהִילָה; אִיךְ הָאבּ אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט בַּיי אוּנְזֶערֶע מֵיידְלֶעךְ פוּן בֵּית פֵּיגָא אוּן בַּיי אוּנְזֶער קָאנְטְרִי - מֶען זָאל שְׁווִימֶען דַוְקָא מִיט אַ שְׁוִוים קְלֵייד אוּן נִישְׁט שְׁווִימֶען מִיט קַיין בֶּעדִינְג-סוּט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט, אַז אַ בֶּעדִינְג-סוּט אִיז אַ פְּרִיצוּת׳דִיגֶע קְלֵייד; ווִיל אִיךְ בֶּעטְן מֶען זָאל פָאלְגְן, מֶען זָאל זִיךְ פִירְן הֵיילִיג אוּן רֵיין, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה צְווִישְׁן אוּנְז.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אוּן אִיךְ וֵויין צוּ אַייךְ, עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל קְהִלּוֹת בְּיִשְׂרָאֵל

לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת, וָואס ווילְט איר פון מִיר הָאבְּן? אִיךְ וֶועל נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין אַז מֶען וֶועט זִיךְ אַוֶועק צִיעֶן פון שְׁטֶעטְל צוּ אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער, אִיךְ בִּין אַהֶערְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל צוּ קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער עֶרְלִיךְ און רֵיין, און וֶוער עֶס ווִיל זִיךְ פִירְן ווִי מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט - פְרֵיי אִיךְ זִיךְ, און וֶוער עֶס ווִיל נִישְׁט - בִּין אִיךְ נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז עֶר וֶועט גֵיין זוּכְן אַ צְוֵוייטֶע קְהִילָה; אָבֶּער וָואס ווילְט אִיר פון מִיר?!

לַאכְט נִישְׁט אָפּ פון דִי גְּדָרִים וָואס מִיר מַאכְן, און קוּמְט מִיר נִישְׁט זָאגְן אַז שְׁווִימֶען מִיט אַ טִי-שׁוּירְט אִיז אוֹיךְ גוּט, און אַז אַ שְׁוִוים קְלֵייד אִיז נֶעבֶּעכְדִיג; אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט בֶּעסֶער - אִיז דָאךְ גָאר גוּט, וָואס דַארְף מֶען קוּמֶען צוּ אַ רֶבִּי וָואס מֶען ווִיל נִישְׁט פָאלְגְן?!

...

## גֵיי אַרֵיין מִיט אַ שִׂמְחָה אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

לָאז נִישְׁט דֶעם שָׂטָן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב, פַּארְטְרַייבּ אִים, בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיט דַיין וַוייבּ און גֵיי אַרַיין מִיט אַ שִׂמְחָה אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס בַּיי דִי סְעוּדָה און אַזוֹי אוֹיךְ שַׁבָּת צוּפְרִי בַּיי דִי סְעוּדָה - זָאלְסְטוּ נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, חַס וְשָׁלוֹם זַיין בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה.

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס אִיז אוּנְז מְחַזֵק און לָאזְט אוּנְז נִישְׁט פַאלְן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט לֵצִים, אֲפִילוּ זֵיי זֶעעֶן אוֹיס וִוי חֲסִידִי'שֶׁע אִינְגֶעלַייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרָשַׁת קֹרַח, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, טַייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ פוּן עֶנְק פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - הוֹיבּ אִיךְ זִיךְ אָן בֶּענְקֶען; דֶער עִיקָר וָואס אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ עֶנְק - אִיז צוּ דִי תְּמִימוּת אוּן צוּ דִי פְּרִישְׁקֵייט וָואס אִיר הָאט, וַוייל חָכְמוֹת אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פוּן חָכְמוֹת, עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי חֵן, מַה שֶׁאֵין כֵּן תְּמִימוּת - דָאס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט, דָאס בְּרֶענְגְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַּרְגָּא, עֶס בְּרֶענְגְט חֵן.

בַּיי אוּנְז גֵייט דִי וָואךְ דִי פַּרְשָׁה פוּן קֹרַח. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דִי וֶוערְטֶער פוּן רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ (בַּמִּדְבָּר טז, ז): "וְקֹרַח שֶׁפִּקֵּחַ הָיָה", קֹרַח אִיז גֶעוֶוען אַ קְלוּגֶער, "מַה רָאָה לִשְׁטוּת זֶה", וָואס הָאט עֶר זִיךְ אַזוֹי בַּאנַארִישְׁט? - דַארְף מֶען זָאגְן בְּנִיחוּתָא, נִישְׁט בְּלָשׁוֹן קַשְׁיָא, "וְקֹרַח שֶׁפִּקֵּחַ הָיָה", וַוייל קֹרַח אִיז גֶעוֶוען אַ קְלוּגֶער "מַה רָאָה לִשְׁטוּת זֶה" - דָאס הָאט אִים אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין דֶעם שְׁטוּת; וָואלְט עֶר גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת - וָואלְט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ. "וְקֹרַח שֶׁפִּקֵּחַ הָיָה" - דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער בְּרָאךְ; דֶערִיבֶּער הָאט עֶר חוֹזֵק גֶעמַאכְט פוּן הָאבְּן אַ מְזוּזָה אוֹיפְן טִיר אוּן פוּן אַ פְּתִיל תְּכֵלֶת, עֶר הָאט מִיט זַיינֶע חָכְמוֹת נָאר גֶעוָואלְט שְׁלֵימוּת; אַ בַּיִת מָלֵא סְפָרִים, אַ גַאנְצֶע שְׁטוּב מִיט סְפָרִים, אַ טַלִּית שֶׁכֻּלָּהּ תְּכֵלֶת; בַּיי אִים אִיז נִישְׁט וֶוערְד גֶעוֶוען אַ דַאוֶוענֶען מִיט דְרֵיי עֶקְן, בַּיי אִים אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט גֶעוֶוען זִיךְ מְחַיֵּ' זַיין מִיט צִיצִית, מְזוּזָה וְכַדּוֹמֶה, דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ וֶוערְן אַ מִין, אַן אַפִּיקוֹרֶס.

אַ שְׁרֶעק פוּן אַ פַּרְשָׁה; וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ? וִוי קֶען מֶען קְרִיגְן אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?! מִיר לֶערְנֶען נָאר דִי פַּרְשָׁה פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, וִוי דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אוּנְטֶערְטֶענִיגְט אוּנְטֶער פַּרְעֹה, דִי מַכּוֹת, דִי שְׁוֶוערֶע גָלוּת, אוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אוּן גֶעגֶעבְּן אַלֶעס גוּטְס; מָן פוּן הִימְל, עֲנָנֵי הַכָּבוֹד וָואס וַואשְׁט דִי וֶועשׁ אוּן מַאכְט גֶעשְׁמַאק דִי וֶועג אִין מִדְבָּר, אוּן מֶען

שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זֶעט יֶעדְן טָאג נִיסִים - וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ צוּ קֶענֶען אוֹיפְהֶעצְן אַזוֹיפִיל רַבָּנִים און אַזוֹיפִיל אִידְן קֶעגְן דֶעם צַדִיק מֹשֶׁה ? !

נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן לג) : "שָׁמַעְתִּי בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט נָאכְזָאגְן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, "שֶׁאָמַר", וָואס הָאט גֶעזָאגְט : אוֹי וַאֲבוֹי", גְּיוַואלְד און גֶעשְׁרִיגְן ! "כִּי הָעוֹלָם מָלֵא מְאוֹרוֹת", דִי וֶועלְט אִיז פִיל מִיט לִיכְט, "וְסוֹדוֹת נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים", און פִיל מִיט וואוּנְדֶערְלִיכֶע סוֹדוֹת, "וְהַיָּד הַקְּטַנָּה עוֹמֶדֶת בִּפְנֵי הָעֵינַיִם, וּמְעַכֶּבֶת מִלִּרְאוֹת אוֹרוֹת גְּדוֹלִים", און דֶער קְלֵיינֶער הַאנְט פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס ; זָאגְט מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מֶען קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין און זֶען וָואס פַּאסִירְט וֶוען אֵיינֶער קוּמְט צוּ אַ צַדִיק, עֶר וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן און הֶערְט הֶערְלִיכֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְן אַ חַיִּים טוֹבִים, וִוי זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט זִיךְ, מִיט פַּרְנָסָה, מִיט דִי וַוייבּ, מִיט דִי קִינְדֶער און מִיט אַלֶעס, דֶער רֶבִּי מַאכְט לִיכְטִיג, דֶער רֶבִּי הָאט אִין יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְן עֵצוֹת און שֵׂכֶל וָואס אַרְבֶּעט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, בִּיז עֶס קוּמְט אַ לֵץ און מִיט דִי קְלֵיינֶע הַאנְט מַאכְט עֶר אַ תְּנוּעָה פוּן בִּיטוּל, און דָאס פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעשְׁרִיגְן : "גְּיוַואלְד !" וָואס טוּט מֶען מִיט דֶעם לֵץ וָואס שְׁפֶּעט אָפּ פוּן בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט וָואס הוֹיבְּן אָן אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן זֵייעֶר נֶעפְל, פוּן זֵייעֶר תְּפִיסָה ; עֶנְדְלִיךְ הוֹיבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶעבְן, בִּיז דֶער לֵץ פְרֶעגְט אַזוֹי מֵסִיחַ לְפִי תֻּמּוֹ : "וואוּ דְרֵייסְטוּ זִיךְ ? וואוּ גֵייסְטוּ ?" און וֶוען עֶר הֶערְט אַז דֶער בָּחוּר, דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעטְרָאפְן אַ צַדִיק, עֶס וֶוערְט אִים גוּט אִין לֶעבְן - מַאכְט דֶער לֵץ מִיט דִי הַאנְט אַזַא תְּנוּעָה פוּן בִּיטוּל און דָאס פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס, מֶען הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן 'אֶפְשָׁר אִיז דֶער לֵץ גֶערֶעכְט ?' הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, טַייעֶרֶע בְּרִידֶער, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט נִישְׁט הָאבְּן מִיט קַיין לֵצִים און מִיט אַ חָסִיד שֶׁנָּפַל - וָואס אִיז - גָּרוּעַ מִמְּשׁוּמָד, און בַּאזוּנְדֶער בֶּעט אִיךְ דִי גַּבָּאִים פוּן אַלֶע בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים, גֶעבְּט אַכְטוּנְג עֶס זָאל נִישְׁט זַיין בַּיי אוּנְז קַיין לֵצִים ; אֵיין לֵץ, אֵיין חָכָם - קֶען עֶנְק

אַלֶע אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן. אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן – אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶע בּוּשָׁה צוּ רֶעדְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אֲפִילוּ אִין אוּנְזֶער שְׁטִיבְּל (אִין אָנְהוֹיבּ הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ קְלֵיין שְׁטִיבְּל, אַ ד' עַל ד') – הָאט מֶען נִישְׁט גֶעזָאגְט 'מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט', 'מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט', מֶען הָאט גֶערֶעדְט מִיט רְמָזִים, 'עֶר זָאגְט' אוּן 'עֶר דֶערְצֵיילְט'; עֶס הָאט מִיר גֶענוּמֶען צַייט צוּ כַּאפְּן וֶוער אִיז דֶער 'עֶר', אוּן עֶס פְלֶעגְן זִיךְ דְרֵייעֶן לֵצִים; זֵיי הָאבְּן דָאס אַוֶועקְגֶעמַאכְט אוּן יֶענְץ אַוֶועק גֶעמַאכְט, זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אִיז נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת אִיז נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט, לֶעבְן אִין שְׁטוּב מִיט דִי וַוייבּ אִיז גָאר קֶעגְן דִי בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר וֶועג לוֹיט זֵייעֶר פַארְדְרֵייטֶע קָאפּ וְכוּ' וְכוּ', בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן רְשׁוּת פוּנֶעם גַבַּאי (דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַ פְרִישֶׁער מְקוֹרָב, נָאךְ אֵיידֶער דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט) אַז אִיךְ וִויל לֵייגְן אַ טָאוְול "בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בִּנְשִׂיאוּת מוֹהֲרָא"שׁ", אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, אַלֶע פְלִיגְן אוּן אַלֶע בִּינֶען – זֶענֶען פְּלוּצְלוּנְג אַוֶועק, עֶס זֶענֶען גֶעבְלִיבְּן נָאר אַפָּאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט תְּמִימִים; דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז דָאס וָוארְט "מוֹהֲרָא"שׁ" – הָאט עֶפֶּעס אַ שְׁטַארְקֶע כֹּחַ, אַ הֵיילִיגְקֵייט, עֶס פַארְטְרַייבְּט לֵצִים, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן וִוי מֶער פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן אַזוֹי הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֵיין בִּתְמִימוּת אוּן פָאלְגְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ עֶנְק, אִיר זֶענְט פְרִישׁ, אִיר הוֹיבְּט יֶעצְט אָן זִיךְ אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן, זָאלְט אִיר וִויסְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַ גְרֶעסֶערֶע טוּמְאָה פוּן לֵיצָנוּת, רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז לֵיצָנוּת אִיז אֲבִי אֲבוֹת הַטוּמְאָה; עֶס נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא טוּמְאָה וָואס פַארְשְׁטֶעלְט גִלוּי אֱלֹקִית פוּנֶעם מֶענְטְשׁ – וִוי דִי טוּמְאָה פוּן לֵיצָנוּת, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:): "הַבָּא לִיטַמֵא פּוֹתְחִין לוֹ", אֵיינֶער וִויל אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֶעלְפְט מֶען פוּן הִימְל עֶר זָאל אַוֶועק גֵיין, "שֶׁנֶּאֱמַר (מִשְׁלֵי ג, לד): 'אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ'", זָאגְט רֶבִּי נָתָן, וָואס הָאט מֶען אָנְגֶעכַאפְּט דַוְקָא דֶעם פָּסוּק? וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ וִויל טוּן עֲבֵירוֹת, בְּרֶענְגְט מֶען אִים אַ לֵץ, עֶר לַאכְט אָפּ פוּן אַלֶעס וָואס צַדִיקִים זָאגְן אוּן אַזוֹי פַאלְט עֶר מִמֵּילָא אַרָאפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן.

רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אָנְזָאגְן זַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן לֵצִים, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶערֶעדְט, הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, אוּן דִי וָואס הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט אוּן זִיךְ מִתְוַוכֵּחַ גֶעוֶועזְן - זֶענֶען לֵיידֶער אַוֶועק גֶעפַאלְן", דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ הָאבְּן צוּטוּן מִיט לֵצִים, אֲפִילוּ זֵיי זֶעעֶן אוֹיס וִוי חֲסִידִי'שֶׁע אִינְגֶעלַייט; בְּרוּדֶער, אַנְטְלוֹיף פוּן זֵיי וִוי פוּן פַייעֶר, וַוייל דוּ וֶועסְט נָאכְדֶעם אַוֶועק פַאלְן אִינְגַאנְצְן פוּן אִידִישְׁקֵייט.

אַזוֹי אוֹיךְ גֶעפוּנֶען מִיר, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קיב:) רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט אָנְגֶעזָאגְט זַיינֶע קִינְדֶער: "אַל תָּדוּרוּ בְּשְׁכֶנְצִיב", אִיר זָאלְט נִישְׁט וואוֹינֶען אִין דִי שְׁטָאט שְׁכֶנְצִיב, וַוייל זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע לֵצִים, אוּן אִיר וֶועט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זֵיי; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי הַארְבּ לֵיצָנוּת אִיז, אוּן וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ עֶר וואוֹינְט, אוּן מִיט וֶועם עֶר חַבֶר'ט זִיךְ וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ וַוארְט אַייךְ שׁוֹין צוּ טְרֶעפְן אַלֶע אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

בס"ד

# בשורה טובה ומשמחת!

שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך

צו אייער טיר

אויף די פאסט

די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים

# עצתו אמונה

הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,

געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א

היכל הקודש

רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org

חיזוק
צום טיר

goodpointmediainc@gmail.com